**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו העלפן היי סקול קינדער זיך אויסצייכענען אין די קלאסצימער און אין אקטיוויטעטן אינדרויסן פון סקול**

***נייע ביל (A.514-A/S.5650-A) פאדערט סקול דיסטריקטס צו גיבן פאר עלטערן און קינדער אינפארמאציע איבער געאפפערטע 'עדוואנסד פלעיסמענט' קלאסן, זייערע בענעפיטן און די שטיצע וואס די דיסטריקט שטעלט צו פאר אנטיילנעמנדע סקול קינדער***

***נייע ביל (S.1732/A.6091) פארלאנגט אז 'סטודענט רעגירונגען' זאלן אויפגעשטעלט ווערן אין היי סקולס און אין סקול דיסטריקטס וואו זיי עקזיסטירן נישט יעצט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעצן צו העלפן היי סקול קינדער מצליח זיין — סיי אינעווייניג און אינדרויסן פון די קלאסצימער. א נייער געזעץ (A.514-A/S.5650-A) פארזיכערט אז עלטערן און קינדער באקומען אינפארמאציע איבער וועלכע 'עדוואנסד פלעיסמענט' קלאסן ווערן געאפפערט, וויאזוי זיך צו איינשרייבן פאר זיי און איבער די בענעפיטן פון זיך באטייליגן. נאך א געזעץ (S.1732/A.6091) שטעלט אוועק 'סטודענט רעגירונגען' וואס ווערן ערוויילט דורך די סקול קינדער אין היי סקולס אדער פאר א גאנצע דיסטריקט אין פלעצער וואו עס זענען נאכנישט דא אזעלכע. דאס איז גאווערנער האקול'ס לעצטע פארפליכטונג צו ניו יארק'ס סקול קינדער אזוי ווי זיי גייען צוריק אין סקול, ארויפבויענדיג אויף מערערע אנאנסן וואס זענען געמאכט געווארן די וואך צו אויסברייטערן און שטיצן א פארשידנארטיגע לערער ארבעטסקראפט, פארברייטערן טשיילד קעיר צענטערן ביי SUNY קאמפוסן און פארזיכערן אז סקול דיסטריקטס און BOCES האבן קאוויד-19 טעסטס און מאסקעס צוגעשטעלט.

"בילדונג איז די גרויסע כוח וואס גלייכט אויס גלעגנהייטן פאר יונגע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געזעצן ווייזן אויף אז מיר טוהען נישט בלויז טוישן פאליסי — נאר מיר שאפן א סביבה וואו יעדע פאמיליע האט די וויסנשאפט צו קענען בעסער שטיצן זייערע קינדער אויף זייער בילדונג רייזע און וואו סקול קינדער האבן די געלעגנהייטן צו באקומען ערפארונג מיט 'ציבור'ישע' ארבעט דורך געלעגנהייטן אין זייער אייגענע קלאסצימער."

**א נייער געזעץ (A.514-A/S.5650-A)** מאכט אן ענדערונג צו דעם עדזשוקעישען געזעץ צו פארלאנגען אלע סקול דיסטריקטס און טשארטער סקולס צו צושטעלן אינפארמאציע צו עלטערן און סקול קינדער איבער די צוגעשטעלטע 'עדוואנסד פלעיסמענט' (Advanced Placement, AP) קלאסן אין די סקול – און די בענעפיטן דערפון – אויף א יערליכע באזיס. די מעלדונגען דארפן אריינרעכענען די בענעפיטן פון זיך באטייליגן אין AP קלאסן, א שילדערונג פון די קלאסן וואס ווערן געאפפערט אין די יעצטיגע און אין די קומענדיגע סקול יאר דורך א דיסטריקט אדער טשארטער סקול און וויאזוי זיך צו גרייטן און זיך איינשרייבן פאר זיי, און אזוי אויך א שילדערונג פון די אקאדעמישע און נישט-אקאדעמישע שטיצן וואס די דיסטריקט אדער טשארטער סקול שטעלט צו, אריינרעכענענדיג פינאנציעלע הילף פארבינדן מיט די קאסטן פון זיך באטייליגן אין AP קלאסן. די מעלדונג מוז געגעבן ווערן עלעקטראניש אדער דורך די

פאסט, און אזוי אויך מוז עס ארויפגעלייגט ווערן אויף די וועבזייטל פון די דיסטריקט אדער טשארטער סקול.

**סטעיט סענאטאר דזשאן ליו האט געזאגט,** "די ערשטע טריט צו אדרעסירן די מאנגל אין פארשידנארטיגקייט אין אונזערע סקולס'ס עדוועגסד קלאסן איז צו זיכער מאכן אז יעדע פאמיליע ווייסט וועלכע עדוועגסד קלאסן זענען דא צו באקומען פאר זיי און וויאזוי די קלאסן קענען בענעפיטירן דאס קינד'ס בילדונג. פילע דאנקן פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען אז עס קומט זיך פאר אלע סקולס צו האבן צוטריט צו עדוועגסד קלאסן מאטעריאלן און אז עס איז גאר וויכטיג צו זיכער מאכן אז יעדע פאמיליע – באזונדערס אזעלכע אין קאמיוניטיס וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס אדער פון וועלכע עס קומען אריין וויניגער קינדער אין אזעלכע קלאסן – האבן אינפארמאציע צו מאכן קלוגע באשלוסן איבער זייער קינד'ס צוקונפט."

□

**א נייער געזעץ (S.1732/A.6091)** מאכט אן ענדערונג צו דעם עדזשוקעישען געזעץ צו פארלאנגען אז 'סטודענט רעגירונגען' זאלן אויפגעשטעלט ווערן אין היי סקולס אדער פאר גאנצע דיסטריקטס וואו זיי עקזיסטירן נישט יעצט. די באורד אָוו עדזשוקעישען אדער טראָסטיס פון יעדע סקול דיסטריקט וועלכע באדינען היי סקול קינדער אין די ניינטע ביז 12'טע קלאס וואו עס זענען נישטא 'סטודענט רעגירונגען' וואס ווערן ערוויילט דורך די קינדער אליין – איינס פאר די גאנצע דיסטריקט אדער פאר איין סקול באזונדער – מוזן אוועקשטעלן א 'סטודענט רעגירונג' סיסטעם.

**סטעיט סענאטארשע שעלי מעיער האט געזאגט,** "באטייליגונג אין א 'סטודענט רעגירונג' איז א דירעקטע און פראקטישע וועג פאר יונגע מענטשן צו באקומען די ערפארונג פון- און לערנען די ווירדע פון דעמאקראטיע וואס פארטרעט די מענטשן. עס דערפרייידט מיך אז יעדער היי סקול קינד אין ניו יארק סטעיט וועט האבן די געלעגנהייט זיך צו באטייליגן אין 'סטודענט רעגירונג' און צו לערנען אז זייערע שטימעס זענען וויכטיג און אז זיי האבן די רעכט – און די פליכט – זיך צו באטייליגן דירעקט אין אונזער דעמאקראטיע. איך באדאנק מיין קאלעגע, אסעמבלימאן סטיוו אָטיס, פאר זיין שותפות אויף דעם ביל און גאווערנער קעטי האקול פארן עס ארייננשרייבן אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד סטיווען אָטיס האט געזאגט,** "עס איז וויכטיגער פון סיי ווען אז מיר זאלן טרעפן וועגן צו פארשטערקערן די פארשטאנד פון וויאזוי דעמאקראטיע פונקציאנירט. דעמאקראטיע איז נישט בלויז א שיטה פון רעגירונג, נאר עס פארלאנגט די געלערנטע פעהיגקייטן פון באטראכטן געדאנקען, קאאפערירן מיט אנדערע, מאכן פשרות און האבן די מעגליכקייט זיך צו איינהערן פארזיכטיג און רעספעקטירן די מיינונגען פון אנדערע. סענאטארשע מעיער און איך האבן געספאנסארט די ביל צו זיכער מאכן אז די געלעגנהייט פאר די וויכטיגע לעקציע אין 'ציבור'ישע' ארבעט ווערט צוגעשטעלט אין יעדע היי סקול אריבער די סטעיט. מיר באדאנקען נאכאמאל גאווערנער האקול פאר איר שטארקע פארפליכטונג צו די פרינציפן און פארן פארשטערקערן די גלייכקייט און געלעגנהייט מיט די באשטעטיגונג פוןביידע די בילס וואס זענען אונטערגעשריבן געווארן היינט און מיט איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פינאנצירונג פאר בילדונג."

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "צוטריט צו געלעגנהייטן און אקטיוויטעטן וועלכע באריכערן די ערפארונגען פון סקול קינדער און פלעגן ביי זיי פארשידנארטיגע פעהיגקייטן פירן דערצו אז זיי ווערן אויפגעצויגן צו ווערן מענטשן מיט א ברייטע פארשטאנד וועלכע זענען מער ווארשיינליך צו אקטיווערהייט זיין פארמישט אין זייערע קאמיוניטיס און זיין אינפארמירטע בירגער וואס טראכטן פון בירגערליכע אנגעלעגנהייטן. די דעפארטמענט און באורד אָוו רידזשענטס זענען פארפליכטעט צו אונטערצינדן די רייץ פאר נייגער און אנגייענדע וואוקס, און דורכן פארברייטערן די סארט פראגראמען קענען מיר אויספלאסטערן די וועג צו א לעבנסלענגליכע רייזע פון לערנען פאר די קומענדיגע דור."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418